# יצחק איכט

## אוי, האָט ער געדאַווענט!!!

### (אײַנדרוק פֿון גלאַנץ׳ס מעריבֿ)

״אוי, האָט ער געדאַווענט!״ ״אוי, האָט ער געדאַבערט!״ ״אַ געזונט אין זײַנע ביינער!״ ״מאריך ימים זאָל ער זײַן!״ ״אויסקושן יעדן אבֿר דאַרף מען אים!״

אָט אַזעלכע אויסרופֿן, האָט איר געקענט הערן, אין נעלסאָן סטריט ספֿאַרדישע שול(1), זונטאָג אָוונט ווען חזן גלאַנץ האָט געדאַווענט מעריבֿ און געגעבן אַ קאָנצערט.

איך בין געזעסן אין שול און באַטראַכט דעם ענטוזיִאַסטישן ווײַטטשעפּלער עולם און צו זיי געזאָגט, אין די געדאַנקען: ״געבענטשט זאָלט איר זײַן, ווײַטטשעפּלער ייִדן.״

האָב איך הייסט עס געזאָגט (אין די געדאַנקען) צו אָט די ייִדן: מאריך ימים זאָלט איר זײַן, ווײַטטשעפּלער ייִדן. שׂונאים האָבן אויף אײַך אויסגעטראַכט, אַז איר זײַט קאַלטע ייִדן, שלעפֿעריקע ייִדן, ווערמען מען קען ניט אָנוואַרעמען, צו וועלכע מען קען ניט געפֿינען די וועג צו זייערע הערצער. אַ ליגן! ווײַטטשעפּלער ייִדן זײַנען הייסע ייִדן מיט וואַרעמע הערצער און עס איז גאָר ניט שווער אַרויסצורופֿן בײַ זיי ענטוזיִאַזם. אָבער די, וואָס קומען צו די ווײַטטשעפּלער ייִדן דאַרפֿן אַליין זײַן מענטשן מיט וואַרעמע הערצער און מיט פֿילנדע נשמות.... ווער עס איז געווען זונטאָג אָוונט בײַ חזן גלאַנץ׳ס מעריבֿ, דער וועט באַשטעטיקן מײַנע ווערטער.

און געטראַכט האָב איך בשעת מעשׂה:

וויפֿיל מיטינגען מיט ״פּראָמינענטע״ רײדנער און וויפֿל אַרטיקלען פֿון ״פּראָמינענטע״ שרײַבער וואָלטן מיר באַדאַרפֿט, אום אַרויסצורופֿן אַזאַ מין ענטוזיִאַסם, ווי חזן גלאַנץ האָט אַרויסגערופֿן בײַ די ווײַטטשעפּלער ייִדן, מיט זײַן דאַווענען.

ווי נעמט מען אַהער איצט, אין דער נעלסאָן שול, די פֿירער פֿון די יונײַטעד-שולן [אוניטעד סינאַגאָגוע](2), וועלכע זוכן פֿאַר זייערע שולן „זולצער-חזנים"(3) מיט „לעוואַנדאָווסקי-חזנים"(4) מיט די „סאַלווײשאָן אַרמײ סאָנגס," [סאַלוואַטיאָן אַרמי סאָנגס] זיי זאָלן אַ קוק טאָן אויף דעם צעפּלאַמטן עולם פֿון דעם רעליגיעזן פֿײַער, וואָס גלאַנץ האָט אין זיי אַרײַנגעבלאָזן. און זאָלן זיי זאָגן, וואָס פֿאַר אַ כאַזאָנעס עס רופֿט אַרויס די רעליגיעזע געפֿילן בײַ ייִדן....

און פּראָפֿעסאָר אַלמאַן(5) קומט צו צו מיר אַ באַגײַסטעטער און זאָגט:

„איך האָב קיין ווערטער ניט אויסצודריקן מײַנע געפֿילן, וואָס אָט דער דרײַסיק-יאָריקער גלאַנץ האָט בײַ מיר אַרויסגערופֿן. איך קען נאָר זאָגן, אַז דאָס איז דאָס לעצטע וואָרט פֿון כאַזאָנעס! ער פֿאַראייביקט זיך מיט זײַן כאַזאָנעס.

אָט דאָס זײַנען די באַגײַסטערטע ווערטער, וואָס חזן גלאַנץ האָט אַרויסגערופֿן בײַ קנאַזאָנעם און מענאַגנעם און בײַ אַזאַ גרויסן אויטאָריטעט ווי פּראָפֿעסאָר אַלמאַן.

און דאָס פּובליקום? אין די מאַסן? וואָס זאָגן זיי? וואָס פֿאַר אַ געפֿילן האָט בײַ זיי אַרויסגערופֿן חזן גלאַנץ'ס תּפֿילות?

אָט זיצט אַ ייִד, אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַן אָפֿן מויל, דאָס סידור ליגט נעבן עם, אָבער קוקן קוקט ער אויפֿן חזן און נאָך יעדער פֿראַזע, וואָס דער חזן זאָגט, גיט ער אַ שטורכע דעם שכן זײַנעם און עפֿנט ברייט די אויגן און לאָזט אַרויס אַ „האַ!" ווי איינער רעדט: נו האָסטו נאָך געהערט אַזעלכעס?

אַ צווייטער זיצט אַזוי מיטן קאָפּ אויף אַ זײַט, די אויגן פֿאַרמאַכט (ווי עס ווײַזט אויס האָט דער ייִד אַמאָל פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון אַ כסידישן „טיש" פּראַווען), און הערט זיך אײַן מיט גרויס כּוונה, וואָס דער חזן זאָגט. און ווען דער חזן ענדיקט עפֿנט ער די אויגן קוקט זיך אַרום אויף זײַנע שכנים און רופֿט אויס מיט אויסערגעוויינלעכע היספּײַלעס: „ייִדן! וואָס ווייסט ער! וואָס דאָס איז! עס איז אַן עק פֿון דער וועלט! ער איז דאָך ממש בוינע אוילאָמעס." און די אַרומיקע ייִדן זײַנען מסכּים מיט אים.

און אָט זיצט אַן אַמעריקאַנער ייִדישער אַקטיאָר צווישן אַ גרופּע ייִדן און ניצט אויס די געלעגנהייט צו שפּילן אַ ״ראָל״. ער דערציילט די ייִדן, וואָס פֿאַר אַ באַגײַסטערונג גלאַנץ רופֿט אַרויס בײַ די אַמעריקאַנער ייִדן.

נאָכן ״בעצייס ייִסראָעל״ זאָגט מיר אַ ייִד: ״ביז איצט האָב איך מיר ניט פֿאָרגעשטעלט דאָס בילד פֿון ״יעציִעס מצרים.״ דאָ האָב איך דערזען, ווי דער ים איז אַנטלאָפֿן, ווי דער יאַרדען האָט זיך אָפּגערוקט און ווי די בערג זײַנען געשפּרונגען און איצט ווייס איך אויך פֿאַרוואָס דאָס איז געשען.״

״איר הערט!״ זאָגט אַ חזן, צו אַ גרופּע חזנים וואָס טיילן זיך מיט די אײַנדרוקן פֿון די זיבן ״אַטאָיס.״ דאָס איז דאָך אַ גאונישער אײַנפֿאַל. צוזאַמען נעמען זיבן ״אַטאָיס״ פֿון פֿאַרשיידענע תּפֿילות און מאַכן מיט זיי, מיט די ״אַטאָיס״ אַ שפּאַציר איבער זיבנערליי נוסחות און אַזוי קונציק איבערגיין פֿון איין נוסח אין צווייטן. אָנהייבן מיט ״אַטאָ ניגלייסאָ״ -- אַרײַן אין ״אַטאָ יאַצאַרטאָ,״ און אַ שפּרונג אין ״וואָכעדיק אַטאָ קאָדויש״ און אָט איז ער אין שבתדיקן״ אייגנאַרטיקן ״אַטאָ עכאָד״ און אָט, איז ער גאָר אין שׂמחות-תּורהדיקן ״אַטאָ האָרייסאָ לאַדאַאַס.״ -- איר שפּילט זיך, וואָס פֿאַר אַ גדולעס ער האָט דאָ באַוויזן? עס איז דאָך ממש אויזן לא שאַמאַ קאַזויס.״ די אַנדערע חזנים זײַנען מיט ענטוזיִאַזם מסכּים צו די רייד פֿון זייער קאָלעגע.

איך פֿון מײַן זײַט, ווינטש אים, אַז די אַלע ברכות זאָלן אים מקוים ווערן, פֿאַר דעם תּענוג, וואָס ער האָט מיר פֿאַרשאַפֿט דעם אָוונט. איך וועל דאָס לאַנג לאַנג געדענקען.

(״די פּאָסט,״ 1920/1921)